בלומינגראוו
# שטימע
BLOOMING GROVE VOICE

פ' ויחי תש"פ | Vol. 2-A

די פֿאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינגראָוו' והגלילות

United Jewish Community of Blooming Grove, Est. 2019


עַל פִּי הַתּוֹרָה אֲשֶׁר יוֹרוּךָ:

# אויסערארדנטליכער "אסיפת רבני בלומינגראָוו" באַהאַנדעלט בכובד ראש בעפאָרשטייענדע שריט ודרכי השתדלנות צו פאַרמיידן פאַראייניגטן פראָנט פאַר'ן עתיד פון אונזער שטאָט לויט די דרכי התורה והמסורה

**רבנים הגאונים הצדיקים שליט"א מנהיגי הקהלות ועדות ישורון, פאַרזאַמלט כאיש אחד בלב אחד בביתו נאוה קודש פון כ"ק אדמו"ר מצאנז זמיגראַד שליט"א, זענען דן במשך לאַנגע שעה'ן מיט אויסטערלישער ערנסטקייט און אחריות כל פרט ופרט פון די אופני השתדלנות בעבר בהוה ובעתיד**

**אויספירליכע באַהאַנדלונגען איבער די בעפאָרשטייענדע וואַלן, וויאַזוי דער היימישער ציבור זאָל זיך רעפרעזענטירן און אַרויסשטעלן פאַרטרעטער אין דער לאָקאַלער רעגירונג, כדי אויסצוקעמפן אונזערע רעכטן און פארזיכערן אַז מיר ווערן נישט באַקריוודעט בעז"ה פון די עלעמענטאַרע געברויכן צו וואוינען דאָ אין שטאָט און וואַקסן מיט הרחבת גבולי הקדושה בסייעתא דשמיא**

בלומינגראָוו. – דעם פאַרלאָפענעם פרייטאָג פרשת מקץ, ערב שבת חנוכה, איז פאָרגעקומען אַ העכסט דרינגענדער און אויסעראָרדנטליכער "אסיפת הרבנים", וואו ס'זענען זיך צונויפגעקומען אלע חשוב'ע רבנים ודיינים ומורי צדק פון דער שטאָט בלומינגראָוו, לטכס עצה ולהורות למעשה למען תועלת העיר ותושבי'.

די אסיפה איז אראנדזשירט און צושטאנד געקומען דורך די "יו. זשעי. סי." סיי כדי צו איבערגעבן אַ באַריכט פון די אָנגייענדע פעולות העסקנות פון די עסקני הועד למען טובת העיר, און סיי דן צו זיין אויף די

(פארזעצונג אויף זייט 4)

## פערמאַנענטע ערעפענונג פון צענטראַלע "יו.זשעי.סי." אָפיסעס אין בלומינגראָוו

זייט 3

## בימים ההם בזמן הזה...

גייסטרייכער שמועס מיט הרבני החסיד
מפאר ישישי הדרה תושבי קרית יואל לאַוויושט"א
מוה"ר **חיים הערש ליימזידער** שליט"א
לעגענדארער פיאנער און בויער פון דער שטאט "קרית יואל"
בראשית ימי' בשליחות הקודש פון רבינו הק' זי"ע

זייט 8

# די שטימע וואס האָט אָפּגעקלינגען!

**ד**אמת ניתן להאמר, אז ווען מיר, אין דער יו-זשעי-סי, האבן אריגינעל אויפגעבערענגט דעם פלאן פון אנהייבן ערשיינען מיט אן **אייגענעם בולעטין, א שופר פאר יהדות בלומינגראוו**, האבן מיר אליין נישט געוואוסט, אליין נישט פארשטאנען, אליין נישט געוואוסט צו באגרייפן, ווי וויכטיג — און פונדאמענטאל וויכטיג — דאס איז.

אבער, מיט די ערשיינונג פון די ערשטע אויסגאבע, דעם פארגאנגענעם פרייטאג, ערב שבת קודש ויגש — ווען די "שטימע" איז פארשפרייט געווארן אין די לאקאלע בתי מדרשים, און יעדער האט דאס אהיימגענומען אין שטוב אויך — מיטהאלטנדיג און אבזערווירנדיג די עקסטאז פונעם ציבור, די קוועלעניש פון די איינוואוינער, האט זיך הערשט ארויסגעשטעלט דער עוצם הנחיצות, דאס אויסטערלישע וויכטיגקייט.

— פאר'ן רבים, פאר די שטאט, פאר די קהלות, פאר די בתי מדרשים, פאר די משפחות, און פאר יעדן בלומינגראווער יחיד אינדיווידועל.

ווייל ארויסגעשטעלט האט זיך, זייער קלאר און דייטליך, אז:

- **יעדער יחיד וויל א "שטימע", אז זיין אייגן קול, זיין פארלאנג, זיין האפענונג, זאל ארויסגעברענגט און געהערט ווערן.**
- **יעדער יחיד וויל זיין א טייל פון א "פאראייניגטע שטימע", וואו זיין יחיד'ישע שטימע זאל זיך צונויפגיסן אינאיינעם מיט'ן רבים'ס שטימע, ווייל נאר אזוי האט עס בעז"ה א שאנס צו גרייכן וואו ס'דארף, און — בעיקר — ברענגען קאנקרעטע רעזולטאטן.**
- **יעדער יחיד וויל וויסן, וויל מיטהאלטן, וויל פארשטיין וואס אלץ עס ווערט געטון לטובתו; ער וויל זיין אינפארמירט איבער וואס אלץ איז מען פועל נצורות פאר דעם מקום וואו ער וואוינט, פאר די שטאט וואו ער דערציעט זיינע קינדער, פאר די בתי מדרשים וואו ער דאווענט, און פאר'ן וואוילזיין פונעם גאנצן ציבור תושבי העיר הזאת.**
- **ועל כולם, האט זיך פון די אפקלאנגען און ענטוזיאסטישע וויל יעדער יחיד האבן דעם געפיל, די רואיגקייט, די אנערקענונג, אז ער איז א טייל פון א שטאנדהאפטיגער באוועגונג; ער איז "א מאן מיט א פלאן", אלס טייל פון א פאראייניגטן "ציבור מיט א פלאן", א קערפערשאפט מיט א וויזיע, פאר אונז תושבי בלומינגראוו אויסצוטרעטן, שריט נאך טריט, א פרעכטיגן, רואיגן און קראנטן עתיד, בעזרת השם.**

נישט אז מ'דערוואַרט, נישט אז מ'מיינט, אז זאכן וועלן "אין איין טאג" זיך טוישן. אבער צו דערגרייכן א טויש, מוז מען אמאל אנהייבן דעם פראצעדור, און אצינד האט אט די "שטימע" אזוי הילכיג אפגעקלינגען; די פאזיטיווע אויפוואכונג למען עתידתנו האט זיך אנגעהויבן!!!!

און זאגאר מיט'ן פולסטן קראפט און מאקסימום אנטשלאסנקייט!

**ס'האט יעדער לייענער פון דער "שטימע"** געליינט פון די שורות — און צווישן די שורות — אז מער זיצן מיר נישט מיט פארלייגטע הענט בעז"ה. נאר **מיר ארבעטן אלע אינאיינעם, מיט אן אחדות, מיט א פאראייניגונג, מיט אן ערנסטקייט, מיט א תורה'דיגער הוראה און באגלייטונג, מיט א קלארן און סאלידן פלאן, פאר א בעסערן צוקונפט** פון וואוקס און שטאנדהאפטיגקייט בסייעתא דשמיא!

★ ★ ★

אט די צופרידענע אפקלאנגען און ענטוזיאסטישע גריסן פון כל תושבי העיר האבן אונז געגעבן דעם חיזוק, אריינגעבלאזן די מוט און אנגעהויפנט מיט די נויטיגע טרייב-קראפט, אנצוגיין ווייטער, און פארזעצן מיט'ן ברענגען רעגלמעסיג אונזער **"שטימע"** פאר'ן ציבור וואס קוקט ארויס אויף איר ערשיינונג בכליון עינים.

גלייכצייטיג ווילן מיר נאכאמאל אונטערשטרייכן, אז פונקט ווי ביי אלע אונזערע אקטיוויטעטן וואו מיר ארבעטן **"מיט'ן ציבור, פאר'ן ציבור"**, געווי די זעלבע איז דא מיט אונזער אויסגאבע. סיי וועלכע קאמענטארן, עצות און הערות צו דער רעדאקציע זענען מער ווי ווילקאמען, און וועט אונז העלפן צו פארשענערן און באררייכערן אונזער-אייער אויסגאבע, צו יעדנ'ס צופרידנהייט און הנאה.



און אצינד, איז אונז א כבוד און הנאה אייך צו פרעזענטירן מיט אונזער **"צווייטע אויסגאבע"**, וואס אנטהאלט א צאל פרישע באריכטן, נייעס, אנטוויקלונגען און נאטיצן פון די אנגייענדע פעולות לטובת יעדן פון תושבי עירנו, וועלכע מיר האבן די זכי' צו פארטרעטן, און אינאיינעם מיט אייך גרייטן מיר זיך צו גרייכן מאסיווע ווייטגרייכנדע רעזולטאטן לטובת עירנו, בעזרת השי"ת.

**די שטימע וואס האט אפגעקלינגען; די שטימע וואס וועט ווייטער קלינגען; די שטימע וואס וועט אי"ה ברענגען רעזולטאטן!**

## פּתחו שערים – לטובת התושבים:

# פּערמאַנענטע ערעפענונג פון צענטראַלע "יו.זשעי.סי." אָפּיסעס אין בלומינגראָוו, היסטאָריש-פּאָזיטיווע אַנטוויקלונג פאַר אַלע איינוואוינער צוגלייך

**אָפּיס וועט שטיין אין דינסט מיט געטרייע שטאַב צו סערווירן און אַרויסהעלפן תושבי העיר אויף אַלע מעגליכע פראָנטן, מיט אַ ריי פּעולות און אַקטיוויטעטן, און וועט נאָכאַנאַנד אויסגעברייטערט ווערן לויט'ן פאַרלאַנג צו קענען אַרויסהעלפן "יעדן בלומינגראָוו איינוואוינער" מיט דער גרעסטער געטריישאַפט לויט די מאַקסימום מעגליכקייטן בעז"ה**

מיט גרויס פרייד איז אונז אַ הנאה צו מעלדן פאַר די חשוב'ע איינוואוינער אַז נאָך די פילע פאַרלאַנגען פונעם ציבור און די אומערמידליכע כוחות וואָס מיר האבן אַריינגעלייגט אין די לעצטערע זמנים איז אונז בעז"ה געלונגען מוציא צו זיין מכח אל הפועל די ערעפענונג פון די יו.זשעי. סי. אָפּיסעס צו סערווירן דעם ברייטן ציבור תושבי בלומינגראָוו מיט אַלע אַנגעלעגנהייטן וואָס אַנבאַלאַנגט די לאָקאַלע רעגירונג, פּערמיטן, טראנספּארטאציע, בילדינג דעפּאַרטמענט, סומאָנסעס, אא"וו

מיר וועלן אי"ה פּרובירן צו העלפן יעדן איינעם – לויט ווי ווייט מעגליך אין די יעצטיגע אומהיימליכע אַטמאָספערע אינעם ווילעדזש האָל מיט די ווינטן וואָס בלאָזן קעגן דעם היימישן ציבור – און מיר האָפן שטאַרק אַז אינעם נאָענטן צוקונפט, אדאנק די פאראייניגונג פונעם ציבור, וועט זיך עס טוישן לטובה און מ'וועט קענען בעז"ה אַסאַך אַסאַך מער אויפטון לטובת הציבור און דערלייכטערן דאָס לעבן פאַר די הונדערטער איינוואוינער פון דער גאַנצער שטאָט.

דער אפיס וועט אי"ה זיין אָפן יעדן טאָג פון 9:30 אינדערפרי ביז 5:00 מיטאָג (זונטאג און פרייטאָג געשלאָסן) זעט באזונדערע מעלדונגען מיט די נומערן און אלע אפּציעס.

אונזער געטרייע שטאַב שטייט גרייט אייך אַרויסצוהעלפן לויט די בעסטע מעגליכקייטן און מיר קוקן אַרויס אייך צו קענען צופרידנשטעלן על צד היותר טוב.

**א פריידיגע אנטוויקלונג!**

### בעת מיר גייען צום דרוק דאָנערשטאָג פ' ויחי:

### פריידיגער זיג פאַר תושבי בלומינגראָוו

## סעריע האַספּולע וויאָלעישאָנס קעגן אידישע איינוואוינער פאַר'ן "זינד" פון בויען מחיצות אַרום די שווים-באַסיינען גענצליך אַנולירט

**נאָך העפטיגע אינטערווענצן פונעם באַגאַבטן "יו.זשעי. סי." אַדוואָקאַט, וועלכער האָט קלאָרגעשטעלט אַז דער דיסקרימינירנדער אומרעכט וועט דורכאויס אַנטשלאָסן באַקעמפט ווערן ביז צו דער ענדע**

מינדערוויכטיגער געזעץ וואָס איז אָריגינעל געצילט צו האַלטן די שיינקייט פון דער געגנט און נישט צו שטערן די אַרומיגע שכנים איז טאָטאַל אומזיניג אין אונזער פאַל, ווי דער גרעסטער רוב פון די שכנים אַרום און אַרום זענען אויך בלויז אחינו בני ישראל, און דאָס איז אַ רעליגיעזע פאַרלאַנג נאָכצוקומען אונזער ערליכן און אָפּגעהיטענעם תורה'דיגן לעבנ'ס שטייגער

עסקנים דרוקן אויס שטאַרקע האָפענונג, אַז דאָס זאָל דינען ווי אַ קלאָרע סיגנאַל אַז אונזערע עלעמענטאַרע רעכטן קענען מער נישט באַקריוודעט ווערן אונטער'ן פאַלשן מאַנטעל פון "געזעץ און אָרדענונג", אַדאַנק וואָס דער ציבור איז שוין ב"ה אַצינד פאַראייניגט און מיר שטעלן אַ פאַראייניגטן פראָנט און קאָלעקטיווע "שטימע" פאַר אַלע צרכי העיר

– אויספירליכער באַריכט וועט נאָכפאָלגן –

# אויסעראָרדנטליכער "אסיפת רבני בלומינגראָוו" באַהאַנדעלט בכובד ראש בעפאָרשטייענדע שריט ודרכי השתדלנות צו פאָרמירן פאַראייניגטן פראָנט פאַר'ן עתיד פון אונזער שטאָט לויט די דרכי התורה והמסורה

(פארזעצונג פון זייט 1)

בעפאָרשטייענדע שריט וואָס פאָדערן זיך צו פאָרמירן אַ פאַראייניגטן פראָנט צו קענען אויסטרעטן אַן עתיד פון רואיגקייט, וואוקס און הרחבת גבולי הקדושה אין אונזער שטאָט.

דער "לאָקאַל" וואו די אסיפה איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן, די "אכסני' של תורה", האָט שוין צוגעגעבן איין שטיק ערנסטקייט און געהויבענעם משמעות פון דער אסיפה, נעמליך ביתו נאוה קודש פון אחד המיוחד מפארי הרבנים בזמנינו, כ"ק חו"פ הגאון הצדיק המפורסם מצאנז זמיגראד שליט"א, מגדולי תלמידי מרן רביה"ק זי"ע ודולה ומשקה מתורתו תורת אמת, וואָס עירנו בלומינגראָוו האָט זוכה געווען אַז עלינו הניח צדיק את ראשו וקבע משכן כבודו וחצר קדשו בתוכינו, פאַרשפרייטנדיג אַ לעכטיגן אור אויף די גאַנצע שטאָט.

ביי דער אסיפה האָבן זיך באַטייליגט: בראש וראשון כ"ק אדמו"ר מצאנז זמיגראד שליט"א; כ"ק הגה"צ אבד"ק ראדאוויץ שליט"א; הגה"צ אב"ד קרעמניץ שליט"א; הגה"צ רבי יואל האלבערשטאם שליט"א, אב"ד דקהל יטב לב ד'סאטמאר בלומינגראוו; הגה"צ רבי אלעזר טייטלבוים שליט"א, ראש הכולל סאטמאר קליימער; הגה"צ רבי אהרן דוד האראוויץ האדמו"ר מזאבליטוב; הרה"ג רבי יואל זוסמאן ראזענצווייג, דומ"ץ בבלומינגראו; הרה"ג רבי מאיר בערקאוויטש, אב"ד אמרי פנחס קאריץ; הרה"ג רבי יצחק אייזיק ראטענבערג, אב"ד חכמת שלמה קאזעווע.

צו דער אסיפה האבן זיך ווי פארשטענדליך באטייליגט די געטרייע ערוויילטע קאָמיטע-מיטגלידער פון דער "יו.זשעי.סי." וואָס אַרבעטן געטריי פאַר כל צרכי העיר צו פאַרטרעטן די אינטערעסן פונעם גאַנצן ציבור און אַלע קהלות הקודש אָן אויסנאַם, הלוא המה העסקנים החשובים העושים והמעשים: מוה"ר אברהם משה ווייס הי"ו; מוה"ר חיים גליק הי"ו; מוה"ר יצחק עקשטיין הי"ו; מוה"ר משה האַלפערן הי"ו; מוה"ר יואל שטערן הי"ו; מוה"ר הערשל לעווי הי"ו; מוה"ר מרדכי לייב האלצער הי"ו; מוה"ר יושע אלימלך ביטמאן הי"ו; מוה"ר דוד קרויס הי"ו, כדי די רבנים זאָלן קענען הערן פון זיי אַ רעפעראַט פון די פעולות און זיי זאָלן הערן דעם חוות דעת פון די רבנים עפ"י התורה אשר יורוך.

## ערעפענונג פון דער אסיפה: העסקן מוה"ר יואל שטערן הי"ו

נאָך וואָס אַלע געלאַדענטע רבנים ועסקנים זענען שוין געווען פאַרזאַמלט, האָט געעפענט די אסיפה העסקן מוה"ר יואל שטערן הי"ו, וועלכער האָט פאָרגעשטעלט פאַר די פאַרזאַמלטע דעם גאַנצן השתלשלות הענינים, וויאַזוי בלומינגראָוו איז בכלל צושטאַנד געקומען, אויסשטייגנדיג אַלס "די געגענט" פון אַלע אַנדערע געגענטער און שכונות אַרום און אַרום, איז דאָ געוואָרן דער שטאַרקסטער ישוב מיט פילע הונדערטער משפחות בליעה"ר און דער ציפער וואַקסט כסדר, מיט אויסנאַם שטאַרקע פּאָטענציאַלן פאַר אַ לאַנג-טערמיניגער וואוקס בעז"ה.

אָבער, האָט ר' יואל טרעפליך אונטערגעשטראָכן, מ'קען נישט בלויז קוקן אויף דער פּאָזיטיווער זייט, נאָר ווי יעדע גוטע זאַך וואָס קומט אָן שווער האָבן מיר זיך דאָ אָנגעשטויסן אין אַ ריי פון פּראָבלעמען וואָס שטערן דעם וואוקס און וואוילזיין פונעם ציבור, און די פּראָבלעמען דאַרפן אַדרעסירט ווערן כדי מיר זאָלן קענען דאָ ווייטער וואוינען, דינען דעם אויבערשטן אין די ראַמען פון אונזערע קהלות קדושות, און מחנך זיין ערליכע אידישע דורות.

ביקש יהדות בלומינגראָוו לישב בשלוה, קפץ עליהם רוגזה של הלאָקאַלע רעגירונג, די ווילעדזש אָוו בלומינגראָוו, וואָס האָט זיך פאַרלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט אָפּצוהאַלטן די וואוקס און פאַרשווערן דאָס לעבן פאַר די עקזיסטירנדע משפחות ח"ו, און דאָס איז עפּעס וואָס מיר קענען זיך נישט דערלויבן.

טראָץ וואָס יעדער ווייסט און האלט מיט די פּראָבלעמען, ובפרט די חשוב'ע רבנים שליט"א וואָס "בתוך עמי אני יושבת" און זיי שטייען בראש הקהלות און לעבן מיט פונדערנאָענט די גרויסע פּלאָגענישן פון זייערע עסקנים צו קענען אָנגיין מיט די פעולות להגדיל תורה ולהאדירה ולהרחיב את גבולי הקדושה, האָט דער געטרייער עסקן אַרויסגעברענגט די עטליכע הויפּט פּראָבלעמען וואָס מוטשען דעם ציבור און קומען אַלע פון זעלבן שורש, נעמליך, די אומסימפּאַטישקייט פון די לאָקאַלע אינסטאַנצן צו אונזערע געברויכן.

## די פּראָבלעמען פאַר די קהלות הקודש און בתי מדרשים

צום אַלעם ערשט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף די אויסטערלישע שוועריגקייטן וואָס "יעדע איינציגסטע" ביהמ"ד דאָ אין שטאט גייט אַריבער, שטערונגען און סעקירונגען וואָס קומט צושטאַנד מיט אַלע סאָרטן אויסריידן, תירוצים שונים ומשונים, לעכערליכע אַרגומענטן וואָס זענען סיי נישט שכל'דיג און סיי אומדעהערבאַר, און איז קלאר אַז די שריט גרעניצן זיך אפילו מיט אומלעגאַלער אַקטיוויטעט עפ"י חוקי המדינה.

דאָס שטערט און האַלט איינפאַך אָפּ די וואוקס און אויסברייטערונג פון די קהלות קדושות, צו קענען ריכטיג זיך אַהערשטעלן מיט אַלע הצטרכות כראוי וכיאות נאָכצוקומען דעם וואַקסנדן ציבור בליעה"ר מיט אַלע רוחניות'דיגע געברויכן און סערוויסעס.

## די שוועריגקייטן מיט דירות און



דער קליין אומשולדיג באָסעלע שטייט זיי אין וועג אלעס ווייל עס שטייט צו באדינען די היימישע איינוואוינער

## בילדינג דעפּאַרטמענט

מה טובו אוהליך יעקב משכנותיך ישראל, אידישע קינדער דאַרפן דירות, און מיט אונזערע גרויסע קינדער-געבענטשטע משפחות נויטיגן מיר זיך אין רחבות'דיגע הייזער. אַז אַ איד נעמט איבער א הויז, דארף ער דאָס געוויינטליך איבערמאַכן, אידישע קינדער דאַרפן סוכות, גרויסע דיינינג-רומס אא"וו.

אָבער, ווי אַ טאָג מער ס'גייט אריבער, אלץ שווערער און קאמפּליצירטער ווערט עס צו קענען דורכפירן סיי וועלכע רענאָוואַציעס, און משפחות מוטשען זיך אָפּ געפערליך צו קענען זיך געהעריג מסדר זיין אין זייערע הייזער לויט ווי נויטיג, כאָטש זיי ווילן אַלעס דורכפירן לויט'ן געזעץ און אָן אַוועקנעמען גאָרנישט פון קיינעם.

אָפּגערעדט פון דער שענדליכער געזעץ וואָס פאַרבאָט צו בויען סווימינג-פּול מחיצות העכער 4 פיס, וואָס באַרויבט היימישע משפחות פון זייער עלעמענטאַרער רעכט צו קענען אַרומנעמען זייערע פּריוואַטע שווים-באַסיינען מיט אַ מחיצה לויט ווי די הלכה און דת תורה הקדושה פאַרלאַנגט, לויט די ריכטיגע דרכי הצניעות פון ערליכע אידישע קינדער.

## דער אומ'יושר מיט די שטייערן

מ'האָט אַרויפגעברענגט פאַר די רבנים די ברענענדיגע אישו פון "שטייערן", וואס די עסקנים האָבן זיך אַריינגעלייגט און דורכגעגאַנגען פארשידענע ביישפּילן פון טעקסעס אַרום דער גאַנצער געגענט און זענען אַרויסגעקומען מיט דער קלאָרער איבערצייגונג, אַז די אידישע הייזער ווערן גערעכענט העכערע שטייערן ווי דאָס וואָס מ'בעט פאַר די זעלבע סאָרט הייזער פון די אַלגעמיינע שכנים!

דאָס איז אַן אומדעהערטע אומרעכט און דיסקרימינאַציע וואָס ווערט אָפּגעטון קעגן היימישע אידן לעיני השמש, אונטער'ן מאַנטעל פון מוניציפּאַלער רעגירונג, אָן קיין האַרצביסנס און אָן קיין זאָרגן פון סיי וועלכע קאָנסעקווענצן.

## די פּראָבלעמען און שטערונגען פאַר'ן שאָטעל

אַ שטאַרק אָנגעווייטאָגטער קאַפּיטל פאַר אַלע איינוואוינער איז די אָפּשניט פונעם שאָטעל-סערוויס צווישן בלומינגראָוו און קרית יואל, וואָס יעדער בר דעת זעט און פאַרשטייט קלאָר און דייטליך, אַז דאָס איז ריין דיסקרימינאַציע קעגן דעם היימישן ציבור, צו פּרובירן שטערן די אַנטוויקלונג און וואוקס ח"ו היל"ת.

דער אָפּשטעל פון דעם שאָטעל-סערוויס אַפעקטירט ממש יעדע משפּחה אויף אַ טאָג-טעגליכן פאַרנעם, סיי פאַר דער באַקוועמליכקייט און סיי פינאַנציעל, און אויך ברוחניות קלאַפּט דאָס זייער שווער אויס, דאַרפנדיג אָנקומען צו אַלערליי אַנדערע סאָרט טראַנספּאָרטאַציע מיטלען, וד"ל.



**געלעכערטע שאסייען אַ צייגעניש פון די אויסערגע־וועגליכע נאָכגעלאָזנקייט פון די אינפראַסטרוקטור**

דער "הלכה בידוע" האָט זיך דאָ קלאָר אַרויסגעוויזן, אָן קיין שום צווייפעל, ווייל טראַץ די שאָטעל-פאַרוואַלטונג איז געווען גרייט נאָכצוקומען יעדע פאַרלאַנג און אויספאָלגן יעדע מכלומר'שטע פאָרשריפט וואָס נאָר פאַרהאַנען אינעם בוך, איז מען כסדר אויסגעשטאַנען פרישע שיקאַנירונגען און רדיפות, ביז ווילאַנג זיי האָבן ליידער באַוויזן געוויינליך אָפּצושטעלן דעם אַזוי-קריטיש-וויכטיגן סערוויס פאַר תושבי עירנו.

(עס איז קאמיש צו זעהן ווי אינעם היינטיגן "גרין" עפּאכע ווען אין אלגעמיין טוען רעגירונגען אריינברענגען מאסן-טראנספארטאציע, ווערט עס אבער אין בלומינגראוו באקעמפט אלעס ווייל אידישע איינוואוינער, באזונדער מאמעס מיט קינדער זענען אזוי אנגעוויזן דערויף).

און פאַר דעם אומזיניגן קאַמף, אַנטקעגן אַ קליין אומשולדיג באָסעלע צו באדינען די היימישע איינוואוינער, האָט די רעגירונג פאַרשטאַנען אַז זיי זענען באַרעכטיגט אויסצופּאַטשקען דעם אומגלויבליכן סכום פון "אַ פערטל מיליאָן דאָלער"!

## די נאָכגעלאָזטע אינפראַסטרוקטור

צום לעצט איז אויפגעברענגט געוואָרן פאַר די רבנים אַ גשמיות'דיגער היניכט וואָס שטערט שטאַרק אַלע איינוואוינער – און איז אַרויסגעהויבן געוואָרן אַלס ביישפּיל צו פאַרשטיין ווי ווינציג די רעגירונג קימערט זיך מיט די פארלאנגען פונם ציבור, און די איינציגסטע אויף וואָס זיי שטייען פעסט און זענען גרייט צו שפּענדן שטייער-צאָלער געלטער איז נאָר בלויז די כסדר'דיגע לעכערליכע קאַמפּן קעגן די היימישע איינוואוינער.

נעמליך, די אויסערגעוועונליכע נאָכגעלאָזנקייט פון די לאָקאַלע אינפראַסטרוקטור, אַ שטייגער ווי דאָס "וואסער" וואָס איז ווייט נישט גוט צוגעשטעלט לויט די נויטיגע סטאנדארטן; די לאָקאַלע גאַסן זענען זייער פאַרלאָזן און דורכגעלעכערט (איראָניש איז אָנגעצייגט געוואָרן, אַז די איינציגסטע גאס אין שטאָט, וואו מ'האָט יאָ געקענט זיך "ערלויבן" איבערצופלאַסטערן דאָס אַספאַלט איז בלויז פארנט פונעם "ווילעדזש האָל"), און אַזוי ווייטער פילע נאַכלעסיגקייטן וואָס שטערט טאָג-טעגליך פאַר די הונדערטער איינוואוינער און משפחות.

## לעומת זה: די פּעולות און עסקנות באמיאונגען פון "יו. זשעי.סי."

דערמיט איז מען אריבער צו דער פאָזיטיווער זייט, אַז דער ציבור האָט זיך בעז"ה צונויפגענומען, איינוואוינער פון אַלע שיכטן און אלע קהלות דאָ אין שטאָט, און באַשלאָסן אַז מ'מוז זיך פאראייניגן אין אַ שטארקן קראַפט צו פאַרטרעטן אונזערע פארלאַנגען און זיך שטעלן אויף אונזערע רעכטן צו קענען דאָ וואוינען און אָנגיין מיט אונזער אייגנאַרטיגן מהלך החיים אָן קיין שטערונגען.

דורך ספּעציעלע אָפענע און יושר'דיגע וואַלן, האָט "דער ציבור" אויסגעקליבן קאָמיטע-מיטגלידער פאַר דער נייער קערפּערשאַפט. עס זענען ארויסגעשטעלט געווארן קאנדידאטן פון יעדן ביהמ"ד, צו פאַרזיכערן אַז "יעדער" איז איינינג פאַרטרעטן, אָן קיין שום פאָרצוג פון איינעם מער איבער דעם צווייטן, נאָר יעדער אין אַ פאראייניגטן פראָנט באהבה ואחוה שלום ורעות. אזוי זענען דערוועלט געוואָרן 9 דעפּוטאטן, אָנגעזעענע חשוב'ע עסקנים, אברכים ובעלי בתים, לעמוד לשרת לטובת הציבור און מיט אַ קלאָרן ציל

און וויזיע צו פּאַרטרעטן יעדן איינעם גלייך.

פון יענעם טאג און ווייטער, האט די קאָמיטע פּרובירט מיט אלע אופנים, מיט די שענסטע דרכי הכנעה, איינצופּעדימען אַ צוזאַמאַרבעט און פאַרשטענדעניש מיט דער ווילעדזש באַהערדע. מ'האָט אָנגעוואָנדן אַלע מיטלען, מ'האָט זיך געבעטן בתחנונים, אַז מיר ווילן זיך אַוועקזעצן אנהייבן א מענטשליכן דיאַלאָג, אַלס די פּאַרטרעטער פון אַ ריזן טייל שטאָטישע איינוואוינער. אָבער, צום באדויערן, זענען אַלע פּרואוון געפאַלן אויף פאַרזיגלטע טויערן און טויבע אויערן.

נישט בלויז אַז די ווילעדזש באַאַמטע האָבן נישט געוואָלט נאָכגעבן אונזער סעריע פאַרלאַנגען – וואָס וואָלט נאָך יתכן געווען פאַרשטענדליך צוליב זייערע אויסריידן – נאָר זיי האָבן איינפאַך נישט געוואָלט אפילו זיך אַראָפּזעצן אויף אַ מיטינג מיט די עסקנים, נישט וועלנדיג אַנערקענען די לעגיטימיטעט פונעם באָורד, די שליחים פון הונדערטער איינוואוינער, גלייכע שטייער-צאָלער, איינוואוינער פון שטאָט! מ'האָט אונז איינפאַך איגנאָרירט!

דערביי האָבן די עסקנים און באָורד-מעמבערס פּרעזענטירט די רבנים מיט קלאָרע קאָרעספּאָנדענץ פון די לעצטערע חדשים, וואָס טוט איבערצייגן שוואַרץ אויף ווייס, ווי יעדער פּרואוו פון די עסקנים זיך צו טרעפן מיט די אינסטאַנצן איינצופּעדימען די מינדעסטע צוזאַמאַרבעט, איז קאטעגאריש אָפּגעוואָרפן געוואָרן, צומאָל מיט לעכערליכע אויסריידן און צומאָל דאָס אויך נישט. זיי ווילן איינפאַך נישט קיין דיאַלאָג מיט'ן ציבור און צייגן נישט די מינדעסטע אינטרעסע אַנטקעגנצוקומען די נאָרמאַלע, לעגאַלע און יושר'דיגע פאַרלאַנגען אונזערע!

## די אויספירליכע אָפּהאַנדלונגען איבער די בעפאָרשטייענדע וואַלן

דאַן איז מען אריבער צו דער נושא פון די בעפאָרשטיינדע וואלן, וואָס איז באַשטימט אויף די קומענדיגע חדשים, וואו מ'וועט האָבן די געלעגנהייט צו שטימען פאַר די אַמטן אינערהאַלב דעם לאָקאַלן ווילעדזש – און וועלן ווער ס'זאָלן זיין די צוקונפטיגע באַאַמטע, מעיאָר און טראָסטיס.

דאָס איז קלאר געוואָרן פאר יעדן איינעם, און יעדער האָט איינגעשטימט פּה אחד, אז מיט די יעצטיגע באהערדע אינעם יעצטיגן פאָרמאַט וואָס ס'איז, קען מען נישט פאָרזעצן צו אַרבעטן, און כדי מיר זאָלן קענען דאָ וואוינען ווייטער אָן קיין פּראָבלעמען בעז"ה, מוז מען זען אַריינצושטעלן נייע מענטשן אינעם ווילעדזש באורד.

די עסקנים האָבן דאַן אַרויסגעשטעלט אַ פראַגע פאַר די רבנים – ווי ביי יעדע נקודה ונקודה וואָס מ'רירט זיך נישט אָן די קלאָרע הוראה פון די רבני העיר שליט"א – וויאַזוי מ'זאָל זיך פירן כלפי דאָס אַרויסשטעלן אייגענע פאַרטרעטער, היימישע יונגעלייט תושבי השכונה, אַז זיי זאָלן לויפן אַלס "טראָסטיס" צו פאַרטרעטן די אינטערעסען פונעם היימישן ציבור ווי די גאַנצע שטאָט צוגלייך, אַז יעדער זאָל באַהאַנדעלט ווערן מיט יושר און צדק.

דאָ האָט זיך פאָרמירט אַ לענגערע דין ודברים צווישן די אָנוועזנדע רבנים, זה אומר בכה וזה אומר בכה, ווען יעדער וויל צוקומען צום בעסטן סך הכל, אויסגעהאַלטן עפ"י תורה און עפ"י המסורה וויאַזוי מ'האט זיך געפירט בדרכי השתדלנות אין אַלע יאָרן.

נאָך וואָס איינער פון די חשוב'ע רבנים האָט אַרויסגעברענגט אַ זאָרג אַז ס'איז יתכן אַז ס'וועט נאָר ערגער מאַכן, ווייל די היימישע פאַרטרעטער וועלן מורא האָבן נאָכצוקומען די געברויכן פונעם צבור, האָבן אָבער אַנדערע אויף דעם אָנגעצייגט דעם מציאות פון נישט-ווייטן בלומינגבורג, וואו מ'האָט זיך שרעקליך געמוטשעט פון כסדר'דיגע שטערונגען דורך די רעגירונג, ביז מ'האָט אַריינגעוועלט היימישע פאָרשטייער, און זינט דעמאָלט האָט זיך אַלעס געביטן לטובה, סיי די טעגליכע געברויכן און סיי די הרחבת הגבולי הקדושה, מיט פערמיטן או"וו.

איינער פון די אָנוועזנדע האָט אַרויסגעהויבן, אַז אין בלומינגבורג זעט מען אַ מציאות, אַז נישט בלויז ס'האָט נישט פאַרשאַרפט די באַציאונגען, נאָר זינט די היימישע באָורד איז אַריינגעוועלט געוואָרן, זענען די באַציאונגען געוואָרן אסאך בעסער און די גאַנצע אָנגעצויגנקייט האָט נאָכגעלאָזט. די היימישע פאָרשטייער באַדינען יעדן געטריי, און מיט די אידישע ענערגיע ברענגען זיי אַריין פילע אויפטוען לטובת די גאַנצע געגענט, מיט אַ פרישקייט, פון וואָס יעדער האט הנאה. ס'האָט דאָרט ממש געראטעוועט דעם מצב.

איינער פון די רבנים האָט מעורר געווען, אַז אפשר יתכן וואָלט דאָך בעסער געווען אַז מ'זאָל פּרובירן אפירצוזוכן "חסידי אומות העולם", פריינטליך געשטימטע נישט-אידישע פאַרטרעטער, און מיר זאָלן זיי אַריינוועלן אַלס טראָסטיס צו באַדינען אונזערע אינטערעסן.

אויף דעם האָבן אַנדערע רבנים געענטפערט, אַז א' מ'קען שווערליך געטרויען סיי וועמען פון זיי וד"ל – והשנית האָט היסטאריע געוויזן אז אפילו געטרייע נישט-אידן, וואָס מיינען גוטס, קריגן אָבער צופיל היץ פון די שכנים אַרום, און צום סוף זענען זיי פּונה עורף און טוען געגנוי דאָס פאַרקערטע ווי דאָס פאַרוואָס מ'האָט זיי אַריינגעוועלט.

אַלס ביישפּיל איז געוואָרן אָנגעוויזן, ווי אָריגינעל זענען געווען דאָ אינעם בלומינגראָוו ווילעדזש געוויסע וואָס זענען געווען גאנץ סימפּאטיש צו אונזערע געברויכן, אָבער ווי נאָר זיי האָבן צוגעלאָזט דאָס מינדעסטע קליינינקייט, זענען זיי אויסגעשטאַנען אַזויפיל דרוק, פּאַרע און היץ, אַז זיי האָבן געמוזט אַלעס צוריקדרייען און טיילמאָל איז נאָך ערגער געוואָרן ווי בעפאָר. מ'זעט דאָס זעלבע אין ראַקלענד קאַונטי און אַנדערע געגענטער, ווי ס'ממש נישט מעגליך צו טרעפן אַ שאינו בן ברית זאָל זיין גרייט זיך איינצושטעלן און קעמפן אויסשליסליך פאַר יושר לטובת די היימישע איינוואוינער.

## רבנים פרעגן אוים און הערן אויספירליכע ערקלערונג פון הרה"ח ר' משה דוד נידערמאַן הי"ו

איינער פון די חשוב'ע רבנים האָט אַרויפגעברענגט אַ נקודה, אז למעשה זעט מען ווי אין געוויסע געגענטער, וואָס זענען געדיכט באַוואוינט מיט טויזנטער אידישע קינדער, אַ שטייגער ווי די עיר ואם בישראל וויליאמסבורג, וואו עס פונקציאָנירן לאַנגיאָריגע שתדלנים, האָט מען אָבער אַלע יאָרן אָנגענומען אַ מהלך פון נישט אַרויסשטעלן קיין אידישע קאַנדידאַטן. ויתכן – האָט דער רב אַרויסגעברענגט אַ לעגיטימע זאָרג – אַז ס'איז געווען דירעקט מיט אַן אָנגענומענע שיטה, אַז מ'זאָל דירעקט נישט נעמען קיין היימישע מענטשן אויף אָפיציעלע רעגירונג-שטעלעס.

אויף דעם ארויף האָבן די רבנים אַרויפגעברענגט אויפ'ן טעלעפאָן דעם באַרימטן שתדלן הרה"ח ר' משה דוד ניעדערמאַן הי"ו, וועלכער איז דער לעגנעסט-דינענדער היימישער עסקן און טוט שוין אין עסקנות למען הכלל צענדליגער יאָרן, כדי אים אָנצופרעגן וואָס זיין ערפאַרונג און מהלך איז אין דער נושא פון אַריינוועלן היימישע פאָרשטייער צו אָפיציעלע פּאָזיציעס, און בעיקר צו פאַרשטיין דעם מציאות פאַרוואָס אין וויליאמסבורג האט מען נישט געזען אַריינצוואוועלן היימישע פאָרשטייער אינעם סיטי-קאַונסיל.

ר' משה דוד האָט מיט אַן ערנסטקייט אויסגעהערט די פראַגן פון די רבנים און דאַן

העכסט געדולדיג אַרויסגעברענגט עטליכע נקודות פון זיין ערפאַרונג און שטאַנדפונקט.

צום ערשט, אויף דער עצם און הויפט-שאלה וויאַזוי די אַלגעמיינע באַפעלקערונג רעאַגירט צום מציאות פון אידישע פאָרשטייער און ווען איז עס עפעס וואָס איז אידישליך אויסגעהאַלטן, האָט דער וועטעראַן-עסקן געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אויף דעם ניצט מען אַן אָנגענומענער כלל אין פּאָליטיק וואָס הייסט "פעיר רעפרעזענטישאָן", אין אידיש: יושר'דיגע פאַרטרעטערשאַפט. דאָס טייטש, אז יעדע געמיינדע זאל געניסן פון פאַרטרעטערשאַפט פראָצענטואַל.

דהיינו, האָט ר' משה דוד ערקלערט, אין דעם פאַל פון דער יעצטיגער שאלה וואו אידן באַזעצן גאר א גרויסע פראצענט פון די הייזער, און בפרט ווען עס רעכנט זיך מספר נפשות, זענען די אידישע איינוואוינער א איבערוויגענדע רוב איז עס העכסט פאַרשטענדליך און יושר'דיג, אַז אידן זאָלן האָבן אייגענע רעפרעזענטאַטן צו פאַרטרעטן זייערע געברויכן. דאָס איז עפעס וואָס אַן אַנשטענדיגער גוי וועט אויך פאַרשטיין. ווייל דאָס איז נישט ווי אַ מינדערוויכטיגע מינאָריטעט זוכט זיך איינצושטיפן און באַהערשן אַנדערע, נאָר פונקט פאַרקערט. און דאָס איז עפעס וואָס איז אָנגענומען איבעראַל.

אַלס ביישפיל דערצו האָט ער געברענגט דעם מציאות פון בארא פארק און פלעטבוש, ווא עס זענען דא אידישע ערוויילטע באאמטע, און מען ארבעט גאר שטארק צוזאמען מיט די נישט-אידישע באאמטע און שכנים אָן קיין פראָבלעמען. ובנוסף לזה האָט מען פון זיי פילע טובות הנאה, ובפרט ווען ס'קומט אויף צו אָפשטימונגען ח"ו קעגן היימישע אינטערעסן, קענען זיי אַדאַנק זייערע קאָנטאַקטן און פריינטשאַפט מיט אַנדערע געזעצגעבער מאַנעווורירן אַז ס'זאָל נישט אַרויסקומען קיין שאָדנס קעגן היימישן ציבור.

אריבערגייענדיג צום מציאות פון וויליאמסבורג, וואו מען האט למעשה קיינמאל נישט אריינגעוועלט קיין אידישע קאנדידאטן, האט ר' משה דוד געגעבן צו ערקלערן, אַז פאַקטיש איז שוין אין דער פאַרגאַנגענהייט געווען עטליכע מאָל וואס מ'האָט ארויסגעשטעלט אידישע קאנדידאטן, און צוויי פעלער גייט שוין צוריק אַזוי לאַנג ווי נאָענט צו 50 יאר צוריק.

איינמאל איז געלאפן הרה"ח ר' משה אהרן שטיינבערג הי"ו [שפעטער ממייסדי חברה הצלה קרית יואל] א צווייטע מאל האט מען ארויסגעשטעלט הרה"ח ר' וואלף נויאָוויטש הי"ו פון וויליאַמסבורג, און מ'האָט דאַן אויסגערופן אָפיציעל אין ביהמ"ד הגדול, בנוכחת רבינו הקדוש זי"ע, אז יעדער זאל ארויסגיין שטימען פאַר די היימישע קאַנדידאַטן.

אָבער, למעשה נאָכ'ן עטליכע מאָל פרובירן האָט זיך ארויסגעשטעלט, אז עס איז ממש נישט קיין מעגליכקייט צו געווינען, צוליב דעם אויסשטעל פון די דיסטריקטס און די גרויסע דרויסנדיגע וואַל-באַטייליגונג פון די נישט-אידן, איז מען למעשה געגאַנגען מיט גויים, איבערהויפט אַז דאָרט איז די לופט קעגן דעם היימישן ציבור נישט אַזוי פאַרפעסטעט ווי דאָהי אין אַפסטעיט וואו מ'העצט אָן אַז מיר ווילן צונעמען זייערע וואוינשאַפטן. דעריבער האָט זיך עס אַזוי אַריסגעשטעלט דער מציאות, אַז וויליאַמסבורג פאַרמאָגט נישט למעשה קיין היימישע פאָרשטייער.



ענדליך פילט מען אן אויס די לעכער, נאך אן-א-שיעור אינטערווענץ פון די יו.זשעי.סי. אז די מצב פון די ראוד גייען אריין אין מצב סכנה

אָבער ס'איז זיכער – האָט הרה"ח ר' משה דוד הי"ו אויסגעפירט – אַז מ'האָט שוין פרובירט צו גיין אין די ריכטונג, מ'האָט אַרויסגעשטעלט בפירוש היימישע סאטמארער יונגעלייט עסקנים אַלס קאַנדידאַטן, און דאָס גייט שוין צוריק צו צענדליגער יאָרן צוריק. ווייל ערנסטע עסקנים האָבן אַלץ געהאַלטן דעם באַראָמעטער: ווילאַנג עס גייט פרידליך און באַשיידן, אָן קיין קעמפערישער העצע, נאָר אויף אַ פלאַטפאָרמע צו באַדינען יעדן צוגלייך, דאַן איז עס אָנגענומען און פאַרשטענדליך פאַר יעדן איינעם.

## אשר יורוך: למעשה'דיגער פסק הלכה ערוואַרטעט אין די נאָענטע טעג בעז"ה

נאָכ'ן הערן די לענגערע ערקלערונג פון הרה"ח ר' משה דוד הי"ו און אים באַדאַנקען פאַר זיין צייט, האָט מען אויך אַרויפגעברענגט פאַר די רבנים דעם מציאות, אַז דער רוב פון די העצערישע עלעמענטן קעגן די היימישע אידן וואָס קומען דאָ לייגן דרוק אויף די ערוויילטע באַאַמטע וואוינען נישטאַמאָל אינעם לאָקאַלן ווילידזש, נאָר קומען צו גיין פונדרויסן, בעת דאָ לאָקאַל, וואו די אידן לעבן זיך אַזוי רואיג און אָרנטליך און מ'שטערט נישט קיינעם, איז בכלל נישט פאַרהאַן אַזאַ ווידערשטאַנד און ווידערווילן קעגן די היימישע איינוואוינער.

אַזוי האָט די אסיפה זיך פאַרצויגן צו כמעט צוויי שטונדן, וואו די רבנים שליט"א האָבן זיך פאַרטיפט בכל פרט ופרט, אַוועקגעבנדיג יעדער פון די גאָר טייערע צייט בהנהגת הציבור פון כל העם הניצב עליהם מבוקר ועד הערב, כדי אַרויסצוקומען מיט אַ קלאָרקייט אין דער נושא, אַוועקצושטעלן פאַר'ן וועד דעם ריכטיגן מהלך והדרך אשר ילכו בה, וויסנדיג אַז די געטרייע עסקנים – און דער גאַנצער ציבור וועמען זיי טוען פאַרטרעטן – קוקן אַרויס בלויז אויף די הוראה פון די רבנים וויאַזוי זיך צו פירן, און פון דעם טוט מען זיך נישט אַוועקרירן על כל צעד ושעל.

צום שלוס האָט איינער פון די אָנוועזנדע רבנים אַרויסגעברענגט, אַז למען תועלת הענין דאַרף אַרויסקומען אַ פאַראייניגטער באַשלוס פון אַלע רבנים שליט"א, און אויף דעם האָבן די רבנים באַשלאָסן אַז היות ס'האַנדעלט זיך אין אַ יסודות'דיגער נושא וואָס וועט האָבן א שטארקן אימפאַקט אויפ'ן עתיד און וויאַזוי מ'וועט יעצט מחליט זיין וועט מען זיך פירן אין די ווייטערדיגע יאָרן, וועלן די רבנים זיך מער אַריינלייגן דערין, און אין די קומענדיגע טעג וועט פאָרקומען נאָך אַן אסיפה און הערשט דאַן וועט אַרויסקומען אַ פסק, אין פאָרעם ווי א געשריבענער פסק הלכה, פאר'ן גאנצן ציבור לדעת את המעשה אשר יעשון בעז"ה.

תושבי העיר הייבן אויף די הענט מיט אַ שבח והודי' פאַר'ן רבוש"ע, אַז ב"ה מיר פאַרמאָגן אַזאַ כח התורה, וואָס איז נושא בעול האחריות פאר די שטאט, גדולי התורה וצדיקים וואָס זענען זיך מתעמל על הציבור, נושא על לוח לבבם את דאגת הציבור, את צורך העיר, און באַגלייטן כל דבר גדול וקטן, כל פרט ופרט, מיט זייער כח התורה, און ס'איז זיכער אַז דערמיט קומט אַריין די הצלחה וסייעתא דשמיא, צו קענען טון און מצליח זיין, למען תועלת העיר הגדולה הזאת, ולהרחיב את גבולי הקדושה ביתר שאת וביתר עז אמן.

**הֲלֹא הֵמָּה יוֹרוּךָ מוֹרֶיךָ!**

# בימים ההם בזמן הזה...

גייסטרייכער שמועס מיט הרבני החסיד
מפאר ישישי הדרה תושבי קרית יואל לאוויושט"א

## מוה"ר חיים הערש ליימזידער שליט"א

לעגענדארער פיאנער און בויער פון דער שטאט "קרית יואל"
בראשית ימי' בשליחות הקודש פון רבינו הק' זי"ע

## אינפארמאטיווע פאקטן, אינהאלטספולע זכרונות און באלערנדע אנעקדאטן

**איבער די געטרייע דרכי השתדלות אויף אלע פראנטן, מיט דער ברכה און באגלייטונג פון רבינו הק' זי"ע, טראץ די אומגעהויערע שוועריגקייטן און פארוויקלטע קאמפליקאציעס, און איבער דעם ריכטיגן מהלך וויאזוי צו זיך דורכקומען מיט די שכנים אין גלות, בימים ההם בזמן הזה, בכוחו ובזכותו של אותו צדיק.**

### אריינפיר

דער חכם מכל אדם, שלמה המלך ע"ה, אין זיין הייליגן ספר שיר השירים, טוט שענקן פאר כלל ישראל אין אלע גלות יארן, א נצחיות'דיגע, קלארע און פארזיכערטע מהלך וויאזוי צו דורכשווימען די ברויזנדע כוואליעס וועלכע באדראען אונז צו פארשווענמען, "אם לא תדעו לך היפה בנשים", ווען איר ווייסט נישט דעם ריכטיגן וועג וויאזוי זיך צו אומגיין און וויאזוי זיך צו פירן, "צאו לך בעקבי הצאן", קוקט זיך אום אויף די פיסטריט פון די פריערדיגע פאסטוכער, די הייליגע רועי ישראל, וועלכע האבן געפירט דעם כלל ישראל מיט זייער חכמה און קדושה. דורך שפאנען אין זייערע וועגן, און נאכגיין זייערע מהלכים, וועלן מיר בעז"ה מצליח זיין און בליען.

אין א צייט וואס אונזער באליבטע שטעטעלע בלומינגראוו בויעט זיך אזוי פרעכטיג אלס אַן "עיר ואם בישראל", וואס קומט נאטורליך אויך באגלייט מיט די אור - אלטע "פן ירבה" זארגן דורך ארומיגע שכינים, וואס רופט זיך צום באדויערן שטארק אפ אויף די וואוילזיין און וואוקס פון דעם געגנט, איז דאך עס געוויס אן אמת'ע "דבר בעתו מה טוב" צו הערן און פארשטיין, וואס איז געווען דער דעת תורה הבהירה פון גדולי ישראל און וויאזוי האבן פריערדיגע צדיקי אמת געהאנדלט אין אזעלכע פעלער, לדורון לתפלה ולמלחמה בדרך הכנעה.

איבערהויפט איז דאס אקטועל ווען עס איז די רעדע פון אונזער געגנט "בלומינגראוו", וועלכע איז סמוך ונראה, ווי אן עצם מעצמה פון דער שטאט קרית יואל, וואס איז בשעתו אויפגעשטעלט געווארן מיט מסירת נפש און אויסטערלישע יגיעה דורך דעם רעיא מהימנא קדישא רבינו הק' מסאטמאר זי"ע, וועלכער האט בערוב ימיו - מיט דער הילף פון זיינע געטרייע שלוחים - געלייגט א שטיין אויף א שטיין און פערזענליך באגלייט די אויפבוי פון דעם שטעטל, משאת נפשו הטהורה, ווי באקאנט די מורא'דיגע לשונות וואס דער רבי האט דעמאלט געלאזט פאלן, איבער זיין רצון צו האבן אן אייגענעם שטעטל און איבער זיין הכרת הטוב פאר די עוסקים ומעשים וועלכע האבן פארווירקליכט זיין הייליגן ווילן מיט אזויפיל מיה און פלאג.

עס איז אונז דעריבער געווען א ספעציעלע זכי' צו אפהאלטן א זעלטן אינהאלטסרייכע און ספעציעלע שמועס מיט דעם אחד המיוחד שבחבורה, הרבני החסיד הישיש מוה"ר חיים צבי ליימזידער שליט"א לאוי"ט, וועלכער האט געהאט די זכי' בימים ההם צו זיין דער איבערגעגעבענער "ציר נאמן לשולחיו" וועמען רביה"ק זי"ע האט באאויפטראגט און פארטרויעט מיט די שווערע און אומבאגרייפליכע שליחות צו אויפשטעלן זיין "שטעטל".

ווירקליך לאזט זיך אויף רבי חיים הערש שליט"א ריכטיג זאגן דער "הוא הגבר הוקם עול", זייענדיג דער לעגענדארער פיאנער, דער מנצח על מלאכת בית ה', וואס האט מיט א ברענענדיגע אמונת חכמים דורכגעפירט מיט אומגלויבליכע העלדנמוט דעם ביטער - שווערן פראיעקט. אויפ'ן באפעל פון רבינו הק' זי"ע האט ער פשוט מקריב געווען זיין גאנצע לעבן און וועזן במשך א תקופה פון עטליכע יאר, ווען ער האט מיט זיינע צען פינגער געאקערט און געזייט, און געמאכט דעם שטעטל פאר א מציאות, טראץ די מורא'דיגע עיכובים און שטיינער וואס איז געשטעלט געווארן אויף יעדן ריכטונג. וחפץ ה' בידו הצליח למלאות רצון צדיק אויף אזא הערליכן און נאבעלען פארנעם.

אין דעם העכסט באלערנדן שמועס - וועלכע האט זיך שליסליך ארויסגעשטעלט צו זיין פיל לענגער און אינטערסאנטער ווי געראכטן - וויקלט אונז רבי חיים הערש שליט"א אויף קראנטע זכרונות פון יענע תקופה, ווען מען האט זיך געדארפט פארמעסטן מיט די אומגעהויערע שוועריגקייטן אויף טריט און שריט פון די עקשנות'דיגע שטייפע קאמף דורך שונאי ישראל וועלכע האבן נישט פארגינען דאס מינדסטע פאר די "חסידים", און בחסדי השי"ת האט מען ב"ה מצליח געווען אלעס צו אריבערקומען מיט ערפאלג, מיט די ברכה און סייעתא דשמיא פון דעם צדיק הדורות וואס האט באגלייט יעדע דעטאל און פרט קטן דורכאויס די גאנצע צייט.

אין לויף פון דעם לענגערן שמועס איז ממש שטוינענד צו באטראכטן וויאזוי די געשיכטע פון "בלומינגראוו" איז אייגנטליך די געשיכטע פון "קרית יואל" אקוראט און גענוי. "כל מה שאירע ליעקב אירע ליוסף... זה נשטם וזה נשטם"... די אלע ברענענדיגע טעמעס ווי האוזינג רעגולאציעס, פערמיטן צו בויען, ערלויבענישן פאר גראסערי, שוועריגקייטן מיט טראנספארטאציע, ממש אלעס וואס

מיר לעבן אצינד מיט אויף די אייגענע הויט, איז מען שוין אריבער מיט ארום 45 יאר צוריק ביי די התייסדות פון 'קרית יואל'. מען האט שוין דעמאלט זיך געמיטשעט מיט די זעלבע שוועריגקייטן, די זעלבע עגמת נפש, און די זעלבע "גאסט פריינטליכקייט" פאר די "חסידים", וואס מיר גייען יעצט אריבער.

"מעשי אבות סימן לבנים...!", ס'איז טאקע א באזונדערע חסד ה' אז מיר האבן נאך פארבליבן די דעמאלטיגע געטרייע עושי דברו, וועלכע זענען געשטאנען לימינו פון רבינו הק' זי"ע, און האבן בשעתו געארבעט על פי שליחותו מיט די ריכטיגע טאקטיקן און נויטיגע דרכי ההשתדלות כרצונו הק', אזוי ארום אז מיר קענען איינפאך זיך לערנען וואס איז געווען דעת קדשו און וואס איז געווען דער מהלך אין יענע שווערע זמנים, וואס דאס וועט אונז דינען ווי א לייכטורעם דאס צו פארזעצן אויך היינט צוטאגס, ווען מען גייט אריבער די זעלבע שוועריגקייטן.

לאמיר אלזא נייגן אן אויער, צו הערן דעם אפנהארציגן שמועס מיט הרה"ח רבי חיים הערש שליט"א, איבער דעם אויסגעטרעטענעם דרך המלך וואס דער רבי זי"ע האט שוין פאר אונז פארגעשריבן בימים ההם, צו וויסן את הדרך נלך בה ואת המעשה אשר יעשון, וואס און וויפיל עס דארף געטון ווערן אין אזעלכע סוטואציעס, ולאורו הק' נסע ונלך.

צווישן די שפאלטענעס פון "דער שטימע" האפן מיר אין די קומענדיגע וואכן צו ברענגען פאר די חשוב'ע ליינער דעם אויספירליכן שמועס אשר טובא איכא למשמע מיני'. צו אנגרייטן די חומר פון דעם שמועס האבן זיך אויך באנוצט מיט די וואונדערליכע ספרים "רצון צדיק" און "קרית מלך רב - שני חלקים", וועלכע שילדערן די השתלשלות התייסדות קרית יואל. גלייכצייטיג איז דער וואונטש פון אלעמען צו הרה"ח רבי חיים הערש שליט"א אז דער גרויסער זכות המשלח, רביה"ק זי"ע, זאל ווייטער באגלייטן לאורך ימים ושנות חיים, עוד ינוב בשיבה דשנים ורעננים מתוך בריות גופא ושובע שמחות עד ביאת הגואל.

**אצינד צום שמועס; לייענט, ווערט אינספירירט און האט הנאה!**

## שלום וברכה הרה"ח רבי חיים הערש שליט"א.

ס'איז אונז א זכות און זכי' צו רעדן און הערן פערזענליך פון א איד וועלכער איז געווען דעם הייליגן רבי'נס געטרייער סאלדאט, כי עבד נאמן קראת לו, צו אויפשטעלן זיין שטעטל מיט אזויפיל מיה או פלאג און מסירת נפש.

זייענדיג דער גרויסער בונה ומקים פון דער שטאט קרית יואל, און גלייכצייטיג א תושב אין דער שטאט קרית יואל שוין באלד פון איר התייסדות, איז געוויס אינטערסאנט צו הערן פון אייך, וואס איז אייער אויסבליק אויף אייער שכינות'דיגע "בלומינגראוו" אומגעגנט, וויאזוי באטראכט איר דעם צוקונפט פון די געגנט און וואס איז אייער איינדריק דערויף ?

אייער געגנט "בלומיגראוו" דארף ב"ה נישט מיין הסכמה... ס'איז מיר שוין מערערע מאל אויסגעקומען צו ווילן אין "בלומינגראוו", האבנדיג ב"ה קינדער און אייניקלעך וועלכע זענען ארטיגע תושבים. וואס זאל איך אייך זאגן ? יעדעס מאל באזונדער וואקסט דאס הארץ פון פרייד זעהנדיג אזא שיינע היימישע ישוב וואס האט ב"ה אזא לעכטיגע הצלחה און עתיד.

ס'איז באמת וואונדערליך ביז גאר צו מיטהאלטן וויאזוי עס בויעט זיך אזא הערליכע געגנט מיט אזויפיל אינגעלייט יראים ושלמים מיט'ן גאנצן סאטמארער חן. ס'איז זיכער אז דער רבי זי"ע האט דערפון א תענוג ונחת בשמי מעל, וויאזוי זיין הייליג שטעטל ברייטערט זיך אויס מיט אזא שיינקייט אויף אלע זייטן.

בדרך אגב, אז מען רעדט שוין פון אייער געגנט וועל איך אייך פארציילן אן אינטערסאנטע עפיזאד בשייכות מיט "וואשיגנטאן וויל" אומגעגנט, ווי בלומינגראוו איז סטאנציאנירט.

ווי באקאנט האט דער רבי זי"ע במשך צענדליגער יארן געפאדערט און פארלאנגט אז ער וויל האבן אן אייגענע שטעטל. די הנהלת הקהלה און די שטעטל עסקנים, האבן דורכאויס לאנגע יארן עוסק געווען צו זוכן א פאסיגן געגנט וואו "דעם רבי'נס שטעטל" זאל קענען אויפגעשטעלט ווערן, מיר האבן באזוכט אין מערערע פלעצער, טייל פון זיי האט מען שוין אפילו באטראכט ערנסט און ביי אנדערע האט מען שוין כמעט געשלאסן קאנטראקט אבער למעשה לא אסתייעא מילתא.

איינס פון די געגנטער וואס איז פארגעשלאגן געווארן פאר'ן רבי'נס שטעטל איז געווען אין "וואשינגטאן וויל", אביסל ארויפציר ווי בלומינגראוו געפינט זיך, דארט איז געווען א פלאץ וואס האט געהייסן "לעיק ענד באנגעלאו קאלאני", וואו עס זענען געווען 150 זומער באנגעלאויס, און אין צענטער איז געשטאנען א גרויסע הויז, וואס מען וואלט געקענט נוצן פאר א בית המדרש.

איך האב דעמאלט געקלערט פון אפקויפן דעם קאנטרי און "ווינטערנייזן" די אלע באנגעלאויס דורך אריינציען געהעריג הייצונג א.א.וו. און דער מוכר האט אפילו מסכים געווען צו נעמען אויף זיך די אויסגאבע פון אהערשטעלן די הייזער אז עס זאל זיין ראוי צו וואוינען דארט אויפ'ן גאנצן יאר.

די סיבה פארוואס דאס פלאץ איז אונז געפאלן איז געווען ווייל קעגן איבער די גאס איז געשטאנען א גרויסע רחבות'דיגע הויז, וואס מיר האבן געקלערט אז דאס וועט זיין פאסיג צו דינען אלס ביתו נאוה קודש פאר'ן רבי'ן זי"ע, דעריבער האב איך דאס טאקע אנגעטראגן פאר די הנהלה און ביי די קומענדיגע געלעגנהייט זענען עטליכע עסקנים ארויסגעפארן זיך אומקוקן אויף דעם שטח, צווישן זיי הרה"ח רבי משה פרידמאן הי"ו, הרה"ח רבי ירמי' קאהן הי"ו, אויך די רעבעצין ע"ה איז מיטגעקומען צו באטראכטן דאס הויז וואס מען וויל קויפן פאר'ן רבי'ן זי"ע.

למעשה איז די רעבעצין ע"ה נישט געווען צופרידן פון דאס הויז, צוליב פארשידענע חסרונות וואס זי האט דארט באמערקט, און דעריבער איז דער פלאן געווארן צונישט. א קורצע צייט שפעטער האב איך טאקע געטראפן די שכינות'דיגע מאנרא וואס האט למעשה זוכה געווען צו דעם "עלי יניח צדיק את ראשו".

ווייזט אויס אז יענע הצעה האט למעשה געברענגט אויף לעתיד, עפעס א זכי' האט יא "וואשינגטאן וויל" געהאט אז יעצט, נאך אזויפיל יאר, איז סוף כל סוף קרית יואל אויסגעברייטערט געווארן אויך ביז אין אירע גרעניצן...

## העכסט אינטערסאנט טאקע!

לאמיר אויף א ווײלע צוריק קומען צום היינטיגן מצב. וויאזוי באטראכט איר - מיט אייער ערפארענע בליק - די יעצטיגע סטואציע דא אין געגנט, ווען מען שטויסט זיך אָן אין אזויפיל שוועריגקייטן אויף יעדן הינזיכט, בויען פערמיטן, טראנספארטאציע, שאטל, און וואס נישט... וואס איז דער באדייט פון די אומגעהויערע שוועריגקייטן וואס מען מאכט פאר אידן און פון וואס קומט דאס ?

דער תירוץ איז זייער פשוט און ווייטאגליך... מען האט אונז פיינט, עשו שונא ליעקב. דאס האבן מיר דאך מיטגעלעבט אין יענע תקופה אויף יעדן טריט, וויאזוי מען האט נאר געוואלט אונז ענג מאכן, אן קיין שום בארעכטיגטע סיבה, די שנאת ישראל דארף נישט קיין סיבה, והא ראי' נאך איידער מיר האבן זיך באזעצט אין קרית יואל האט מען אונז שוין פיינט געהאט... נאך איידער זיי האבן בכלל געוואוסט וויאזוי א חסיד קוקט אויס האבן שוין די צייטונגען געהעצט און געשמיפט קעגן די חסידים...

ווי באקאנט האב איך - בשעת מען האט אנגעהויבן בויען קרית יואל - געמוזט אכטונג געבן

מיט די גרעסטע פארזיכטיגקייט אז קיינער זאל נישט געוואויר ווערן אז דא בויעט מען "חלילה" א שטעטל פאר די פארהאסטע "חסידים", אויף אזוי ווייט אז איך האב זיך פשוט געמוזט פֿאַרשטעלן מיט באזונדערע מלבושים יעדעס מאל ווען איך בין ארויסגעקומען זיך אומקוקן אויף די ארבעט אין קרית יואל, אז מען זאל נישט דערקענען מיין אידענטיטעט און עס זאל נישט איינפאלן פאר די שכינים אז מען רעדט דא פון בויען א אידישע ישוב.

די סיבה פארוואס איך האב געהאט אזא זהירות איז ווייל מיר זענען שוין צום באדויערן געווען צו שטארק אפגעבריעט פון אנדערע פלעצער. צ.ב.ש. איז א שטיקל צייט בעפאר געווען אויפ'ן טיש א גאר ערנסטע פלאן פון אפקויפן און בויען אויף א גרויסן שטח פון 170 עיקער אין דער געגנט "קאנגערס לעיק", וואס געפינט זיך נעבן די 'פאלעסייד' ווען מען פארט צוויי מייל רעכט'ס אויפ'ן 305. בערך 10 מייל פון שיכון סקווירא.

דאס פלאץ האט געהאט פארשידענע מעלות. בעיקר ווייל עס האט שוין געהאט 50 דירות גרייט ארייגצומופן, און עס שוין געווען "פלימינערי עפראוועל" אויף נאך 50 דירות, וואס דאס האט געמיינט אז מיר קענען זיין גערישט אז באלד מיט'ן אנהויב פון דעם שטעטל וועלן מיר קענען גרייט מאכן די ערשטע הונדערט דירות.

## פארוואס האט מען געוואלט האבן גרייט אזויפיל דירות אויף איינמאל ?

אויך פאר די זעלבע סיבה. מיר האבן שוין געוואוסט פון ערפארונג אז כדי צו קענען באמת מצליח זיין צו ממלא זיין רצון צדיק און גרינדן א שטעטל, וועט מען מוזן האבן א גרויסן וואל-כח צו קענען ארייננוועלן אונזערע מענטשן און ענדגילטיג גרינדן א זעלבסשטענדיגע ווילעזש, וואו מען וועט קענען בויען און צושטעלן די געברויכן פאר ערליכע אידן.

דעריבער, אויף יעדן פלאץ וואו מיר זענען געגאנגען, האבן מיר צוערשט געקוקט אויב מען קען זיך דארט אהינציען א גרויסער ציבור אויף איינמאל, אזוי ארום אז עס זאל זיין גרינגער ביי די וואלן צו קענען בעז"ה אויפשטעלן א ווילעזש פאר אונזערע אינטערעסן. פארשטענדליך אז דער רבי זי"ע האט דאס אלעס מיטגעהאלטן און מחזק געווען.




## פארוואס איז טאקע דער פלאן פון "קאנגערס לעיק" נישט צושטאנד געקומען ?

ווי איך האב געהאלטן אינמיטן דערציילן. צוערשט איז אלעס געפארן שטיל און רואיג, מיר האבן שוין ממש געהאלטן ביים שליסן מקח און "קלאוזן" אבער דאן האבן ליידער זיך אריינגעמישט עטליכע אומפאראנטווארטליכע מענטשן וועלכע האבן מודיע געווען פאר די ארטיגע לויער'ס אז מיר ווילן קויפן דעם שטח פאר "סאטמאר", וואס דאס האט צעשטערט אלע פלענער.

די לויערס האבן שוין נישט געוואלט ארבעטן מיט אונז און האבן ווייטער פארשפרייט די שמועה אין די צייטונגען אז "קאנגערס לעיק" וועט פארקויפט ווערן פאר די חסידים, דאס האט געמאכט א מהומה. דער שטח איז גרויס געווען 175 עיקערס, 20 עיקער פון דעם איז געווען א לעיק, האבן זיי געמאכט א מצב און א קאמפיין מיט'ן נאמען "לעטס סעיוו די לעיק"... חסידים ווילן דאס קויפן, און מ'דארף דאס אפראטעווען, דאס איז געווען דער רעש, אזוי ווי אייערע היינטיגע שכינים שרייען "סעיוו בלומינגראוו", אז מען דארף ראטעווען בלומינגראוו פון די חסידים... למעשה האט די העצע אויפגעטון אז אז מוכרים האבן עס שוין מער נישט פאקרויפט פאר אונז און די גאנצע הארעוואניע איז צענישט געווארן.

דאס איז געווען פאר אונז נאך א לעקציע, ווי ווייט עס דערגרייכט דאס שנאת ישראל, אז אפילו נאך איידער מיר זענען דארט אנגעקומען, נאך איידער מיר האבן זיך באזעצט אין דעם געגנט, האט מען שוין געהעצט קעגן אונז אזוי מיאוס. שפעטער ווען מען האט ב"ה אנגעהויבן בויען דעם רבי'נס שטעטל אין מאנרא ניו יארק האט מען טאקע אויך געלייגט א גרויסן דגוש אויף דעם, אז עס זאל געבויעט ווערן גענוג דירות אויף איינמאל, כדי מען זאל קענען ארייננוועלן אונזערע קאנדידאטן און גרונדן דעם ווילעזש, ווי איך וועל אי"ה שפעטער דערציילן.

[פארזעצונג קומט אי"ה]


אין פאָרזעצונג צו דעם פריידיגן באַריכט
אינעם "שטימע" די פאַרגאַנגענע וואָך:

# העפטיגע אונטערנעמונג צו רעסטאַווירן און צוריקעפענען שטאַרק-באַנוצטן "שאָרט-קאָט" שוין אַריין אין אַקטיווע שטאַפּלען; פּאַקטישע אַרבעט אונטערוועגנס

**באָורד-מיטגלידער אַקטיוו אויפצוטרייבן פאָנדן צו קענען פּאַקטיש אָנהייבן מיט דער בוי-אַרבעט צו פּערמאַנענט אַהערשטעלן די שאָרט-קאָט מיט אַלע אַרומיגע איינריכטונגען און זיכערהייטס מאָסנאַמען, כדי די הונדערטער בלומינגראָווער משפּחות זאָלן עס קענען אָנהייבן צוריק באַניצן מיט צופרידנהייט און באַקוועמליכקייט;**

פלייץ פון פּאָזיטיווע צוריקקלאַנגען און ענטוזיאַסטישע גריסן פונעם ציבור נאָכ'ן ערשינענעם באַריכט פאַראַכטאָגן אין דער "שטימע" איבער די אַקטיוויטעטן צוריק צו אַקטיוויזירן דעם שאָרט-קאָט איבערצייגט אויסטערלישע געברויך און פאַרלאַנג ביי אַלע איינוואוינער פאַר'ן "תכין לך הדרך" וואָס וועט בעז"ה האָפענטליך אינגיכן צושטאַנדקומען

# השתלשלות השתדלנות

## פאלגט נאך אין אונזערע קומענדיגע אויסגאבעס א רייכע באשרייבונג איבער די השתלשלות השתדלנות

אן אינערליכע ארײַנבליק ארום די אחריות'דיגע פעולות פון שתדלנות וואס איז אײַנגעפעדעמט געווארן דורך אונזערע געטרייע שלוחי דרחמנא, דער יו.דזשעי. סי. באורד, וועלכע איז זינט איר גרינדונג פארטון מיט די איבערגעגעבענע ארבעט פאר'ן עתיד פון אונזער געגנט, אין שליחות פון יעדן יחיד מתושבי העיר, בדרך התורה והמסורה.

באגלייט מיט ארגינעלע דאקומענטן פון די סייעתא דשמיא'דיגע מהלך וויאזוי דער באורד ארבעט פלייסיג צו העלפן דעם ציבור, נאך יארן פון אפענע שנאה, דיסקרימינאציע און שטיינער אויף טריט און שריט; און נאך לענגערע תקופות וואס תושבי בלומינגראווו האבן נישט געהאט קיין פאראייניגטע כח וואס זאל זיי פארטרעטן פאר די באאמטע, וואס האט צום באדויערן געברענגט אסאך עגמת נפש פאר'ן רבים און פאר יחידים.

**דאקומענט נומער #1**


United Jewish Community of Blooming Grove
Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org

Isaac Eckstein
Board Chairman
Joel Stern
Board Representative
Robert S. Rosborough IV
Board Counsel
Joseph Weinberger
Finance / Fundraising
Abraham Weiss
Chaim Gluck
David Kraus
Hershel Lowy
Mordche Holtzer
Moshe Halpern
Shia Bitman
Board members

November 26, 2019

James A. LoFranco
Mayor
811 Route 208
South Blooming Grove, NY 10950

Dear Mayor,

I have the honor and pleasure to invite you to join the official introduction meeting of the newly established United Jewish Community Board of Blooming Grove.

The establishment of the Community Board is an important step towards improving communication, public relations and advocacy between the Town, Village and the Jewish Community of Blooming Grove.

The Introduction will take place Wednsaday, December 4th, 2019 at 5:30pm at the Sleep Inn & Suites located at 1 Sleep Way. South Blooming Grove NY

It will be a great opportunity to meet and greet with all of our board members as well as all elected officials of the Town of Blooming Grove and Village of South Blooming Grove.

I look forward to meeting you in person and working together with you towards an always enhancing future of Blooming Grove.

Respectfully
Joel Stern
Community Board Representative
Mobile – 347.408.5225
Email – BoardRep@UJCofBloomingGrove.org

CC: John Ross, Deputy Mayor
James Mullany, Trustee
Sue Anne Vogelsberg, Trustee
Johnny Belfort, Trustee
Alex Melchiorre, Chief of Police
Robert C. Jeroloman, Town Supervisor
Sonia Ayala, Ward 4 Councilperson
Jennifer Dellova, School District President
Wayne Kirkpatrick, Highway Superintendent
Jeanne Ovensen, Building Inspector

בתחנונים ידבר רש: די ערשטע אימעיל, געשיקט געווארן דורך דעם באורד, מיט'ן גרעסטן דרך כבוד והכנעה, פאר די ווילעדזש באאמטע, מיט א בקשה אז מיר ווילן זיך אראפזעצן און זיך דורכקומען אויף א פרידליכן מהלך צו די צופרידנהייט פון אלע איינוואוינער.

צום באדויערן זענען די בקשות געפאלן אויף טויבע אויערן, מען האט זיך געבעטן איינמאל און נאכאמאל אבער די ווילעדזש - וועלכע געניסט פון אונזערע שטייערן - האט ניטאמאל געשפירט פאר וויכטיג זיך צו אראפזעצן הערן אונזערע פארלאנגען.



# וואו ווערט פאַרנוצט אונזער געהעכערטע טעקס געלטער?

**א דאקומענטארישע סעריע, ארויסגענומען פון די הונדערטער דאקומענטן וועלכע זענען אנגעקומען צו דער "יו.דזשעי. סי. באורד", דורך דער "פרידאם אוו אינפארמעישן" געזעץ (FOIA act), וואס ערלויבט אונז - צום ערשטן מאל - צו כאפן א בליק אין די אינערליכע ווילעדזש קארידארן, באטראכטן פון דער נאנט די גרעניצלאזע אומ'יושר און דיסקרימינאציע וואס שפילט זיך אפ קעגן יעדן אידישן איינוואוינער און וויאזוי אונזער שווער אויסגעהארעוועטע טעקס געלטער ווערט גענוצט דירעקט צו קעמפן "קעגן" אונזער אינטערעסע און וואוילזיין.**

#1


BLEAKLEY PLATT & SCHMIDT, LLP
May 22, 2019
393
BILLING SUMMARY THROUGH APRIL 30, 2019
CURRENT BILL
PAYMENT DUE UPON RECEIPT

אן אינוואויס פון פארלאפענעם מארטש 29, וואס ציגט דעם באלאנס פון **$12,192.50** וואס דער ווילעדזש האט באצאלט פאר'ן אדוואקאט צו **באקעמפן דעם "שאָטעל", וואס האט פארגרינגערט דאס לעבן פון בלומינגראוווער איינוואוינער.**

#2

אן אינוואויס פון 2 חדשים דערויף, מאי 22, וואס ציגט דעם פרישן באלאנס פון **$13,720.10** וואס דער ווילעדזש האט באצאלט פאר לויער צו באקעמפן דעם "שאָטעל" אין זינלאזע געריכטליכע אנקלאגעס.

נעמט אין אכט: **אין א צייט וואס יעדע אנדערע מוניציפאלע רעגירונג איבער דאס גאנצע לאנד זאָרגט זיך צוצושטעלן מאסן טראנספארטאציע פאר אירע איינוואוינער, איז די 'ווילעדזש און בלומינג גראוו' פארנומען מיט עפעס אנדערש, צו פארשווענדן נאנט צו 30 טויזנט דאללער אין בלויז 2 חדשים! בלוטיגע געלט פון אונזערע אויסגעהארעוועטע שטייער, צו אויפהאלטן אדוואקאטן וועלכע זאלן אונז מאכן דאס לעבן און אפשטעלן דעם שאָטעל פאר יעדן פרייז.**


BLEAKLEY PLATT & SCHMIDT, LLP
393
March 29, 2019
Village of Blooming Grove v. Derech Emunah, LLC
A.1420-494
BILLING SUMMARY THROUGH FEBRUARY 28, 2019
Professional Services
Expenses
CURRENT BILL
PAYMENT IS DUE UPON RECEIPT
THANK YOU

ליידער האבן זיי טאקע דערוויילע מצליח געווען, צום ווייטאג און עגמת נפש פון הונדערטער נשים צדקניות און היימישע משפחות דא אין געגנט.

# בלומינגראוו קלאסיפיידס
# BLOOMING GROVE CLASSIFIEDS

**צו אדווערטייזן אייער ביזנעס קלאסיפייד עד בחנם**
**שרייבט צו:** BGVoice@UJCofBloomingGrove.org

| |
|---|
| **Tax Return - maximum refund -**<br>**Shimon Yoel Kleinman - 380 lake shore - 347-699-3453** |

| | |
|---|---|
| **Allede- Spot Lights instillation**<br>**Yoel Oberlander 917-418-6474** | **Blinds & shades sales & installation**<br>**Yossi Rosenfeld (347) 672-4929** |

| |
|---|
| **Electrolysis, Waxing & Tinting**<br>**B.C. Spitzer - 329 Lake Shore Drive 238.3343 - 917.618.2115** |

| | |
|---|---|
| **Handiman, Shelving & Lights**<br>**Yoel Kaufman 845-200-1642** | **Jewelry - Unique deals**<br>**S. Weinstuck (845) 213-0547** |

| |
|---|
| **Experienced babysitter - willing to move into your house**<br>**B. Schreiber 845-637-5003** |

צוליב מאנגל אין פלאץ האבן מיר אריינגעלייגט נאר נייע קלאסיפיידס, מיר וועלן בעז"ה
אין א קומענדיגע געלעגנהייט איבערדרוקן אלע קלאסיפיידס לטובת הציבור

**לכו והתפרנסו זה מזה: ביזנעסער און סערוויס־**
**עס פון בלומינגגראוו איינוואוינער**

# ברכת מזל טוב
## לתושבי עירינו שהשמחה במעונם

הרב רבי **יצחק אייזיק ראטטענבערג** שליט"א
רב ביהמ"ד חכמת שלמה קאזאווע
**לרגל הולדת בנו למז"ט**

הרב **שלמה שמחה סאלאמאן** שליט"א
**לרגל שמחת נישואי בתו למזל טוב**

מוה"ר **יצחק מרדכי האלפערט** הי"ו
**לרגל הולדת בנו למז"ט**

מוה"ר **ישעי' בר"מ הירש** הי"ו
**לרגל תגלחת בנו למז"ט**

מוה"ר **מנחם ישעי' לעווי** הי"ו
**לרגל הכנסת בנו לעול התוה"מ למז"ט**

יזכו לראות רב נחת דקדושה מתוך הרחבת הדעת

**United Jewish Community**
**of Blooming Grove**

United Jewish Community Est. 2019 of Blooming Grove

Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org

**Isaac Eckstein**
*Board Chairman*

**Joel Stern**
*Board Representative*

**Robert S. Rosborough IV**
*Board Counsel*

**Joseph Weinberger**
*Finance / Fundraising*

**Abraham Weiss**
**Chaim Gluck**
**David Kraus**
**Hershel Lowy**
**Mordche Holtzer**
**Moshe Halpern**
**Shia Bitman**
*Board members*

בשורה טובה

# • פתחו שערים •

מיט גרויס פרייד איז אונז אַ הנאה צו מעלדן פאַר די חשוב'ע איינוואוינער אַז
**נאָך די פילע פאַרלאַנגען פונעם ציבור און די אומערמידליכע כוחות**
וואָס מיר האבן אַריינגעלייגט אין די לעצטערע זמנים
איז אונז בעז"ה געלונגען מוציא צו זיין מכח אל הפועל די

# ערעפענונג
## פון די יו.זשעי.סי.
# אָפיסעס

**צו סערווירן דעם ברייטן ציבור תושבי בלומינגראָוו**

מיט אַלע אַנגעלעגנהייטן וואָס אַנבאַלאַנגט די

**לאָקאַלע רעגירונג, פערמיטן, טראנספארטאציע,**
**בילדינג דעפאַרטמענט, סומאָנסעס, אא"וו**

מיר וועלן אי"ה פרובירן צו העלפן יעדן איינעם – לויט ווי ווייט מעגליך אין די יעצטיגע אומהיימליכע אַטמאָספערע אינעם ווילעדזש האָל מיט די ווינטן וואָס בלאָזן קעגן דעם היימישן ציבור – און מיר האָפן שטאַרק אַז אינעם נאָענטן צוקונפט, אדאנק די פאראייניגונג פונעם ציבור, וועט זיך עס טוישן לטובה און מ'וועט קענען בעז"ה אַסאַך אַסאַך מער אויפטון לטובת הציבור און דערלייכטערן דאָס לעבן פאַר די הונדערטער איינוואוינער פון דער גאַנצער שטאָט.

**איר קענט אריינרופן אין אָפן יעדן טאָג**
**845-237-4828**
**פון 9:30 אינדערפרי ביז 5:00 מיטאָג**
(זונטאג און פרייטאָג געשלאָסן)

אונזער געטרייע שטאַב שטייט גרייט אייך אַרויסצוהעלפן לויט די בעסטע מעגליכקייטן
און מיר קוקן אַרויס אייך צו קענען צופרידנשטעלן על צד היותר טוב.

רעספעקטפול,
**די קאָמיטע**

**United Jewish Community**
**of Blooming Grove**

United Jewish Community Est. 2019 of Blooming Grove

Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org

**Isaac Eckstein**
*Board Chairman*

**Joel Stern**
*Board Representative*

**Robert S. Rosborough IV**
*Board Counsel*

**Joseph Weinberger**
*Finance / Fundraising*

**Abraham Weiss**
**Chaim Gluck**
**David Kraus**
**Hershel Lowy**
**Mordche Holtzer**
**Moshe Halpern**
**Shia Bitman**
*Board members*

**צענטראַלער אָפיס נומער:**
# 845.237.4828

ביים אַריינרופן וועט איר געגעבן ווערן
די פאָלגענד אָפציע אויסוואַלן

| | | |
|---|---|---|
| **1** אַפדעיטס פון די קאָמיוניטי באורד | **2** צו פאַרלאַנגען פאַרקינג פערמיטן | **3** פערמיטן, הילף מיט ווייעלעשאָנס וכדומה |
| **4** פאר קאמפלעינטס און הערות איבער סקול באָסעס און | **5** רעגיסטראַציע אָפיס | **6** בלומינגראוו שטימע רעדאַקציע |
| **7** פינאַנץ דעפאַרטמענט | **8** צו לאָזן קאָמענטאַרן פאַר'ן באָורד | **9** אידישע מעניו |
| ***** צוריקצוגיין צו פריערדיגע מעניו | **0** לייוו אַפערעיטאָר | **#** |

דער טעלעפאָן
סיסטעם וועט
זיין פולשטענדיג
אָפדעיטעד
אין קומענדיגן
דינסטאג הבעל"ט